ליל שישי פרשת בראשית
שבת מברכים חודש חשון תשפ"ג לפ"ק
10/20/2022

תוכן הענינים

א נקודה
פון די חבריא
חיזוק געדאנקען
בדידי הוה עובדא

מעלדונגען

א גוטן ערב שבת און א געזונטע ווינטער
די מושג 'בראשית' איז א שטארקע יסוד אין לעבן בכלליות. א מענטש דארף שפירן אז ער איז נאך אין אנהייב, אזוי וועט ער אייביג שפירן אז ער האט נאך וואס אויפטוהן, ער דארף נאך שטייגן, ער מוז נאך ממשיך זיין מיט זיין עבודה, ער האלט דאך נאך אנהייב, אין די 'בראשית'.
ס'איז אויך א שטארקע יסוד אין קענען מצליח זיין בעז"ה אין ריקאווארי, שפירן אייביג ווי איך הייב יעצט אן. נישט קיין חילוק וואו איך בין, וואס איך האב נאר געטוהן. איך קען אייביג אנהייבן. איך דארף האבן די שטארקע החלטה, די אמתע רצון אן קיין פשרות, און מ'קען שוין אנהייבן. אן קוקן אויף צוריק, אן קוקן אויף פאראויס, קוק אויף יעצט. דיין יעצטיגע מצב ווילסטו טוישן. די היינטיגע טאג קענסטו טוישן. יעדן טאג פאר זיך, יעדע טאג א נייע 'בראשית'.
א נייע יאר, א נייע התחלה, לאמיר אנהייבן א נייע וועג, א נייע לעבן
***
מיט פרייד זענען מיר מודעה וועגן דעם פרישן
מחזור 12 סטעפ'ס טעלעפאון - קאנפרענץ אין אידיש,
וואס וועט בס"ד ווערן אהער שטעלט,
אין די קומעדיגע וואכן בס"ד
דער שוין-בארימטער טעלעפאן-קאנפערענץ ווערט געפירט דורך משה נ"י, וועלכער איז שוין ריין אינעם SAפראגראם פאר איבער אכט יאר, און ער ניצט זיין אייגענעם נסיון החיים און עקספעריענס, אויף'ן מהלך פונעם וואונדערליכן 12-סטעפס פראגראם, דאס איבערצוגעבן אויף אן אופן וואס מ'קען עס ניצן אויף'ן אייגענעם מהלך החיים בס"ד.
אויף'ן קאל האט מען אויך די געלעגנהייט:

ארויסברענגען אלע שאלות בנוגע אדיקשאן, איבער דעם 12-סטעפס פראגראם, און אלעס איבער ריקאווערי, און דאס איבערשמועסן אָן קיין בושה און פחד פון שמא יאמרו...
אויסגעפינען אויב מען איז עדיקטעד אדער מ'האט סתם א שלעכטע געוואוינהייט וואס דארף א פארבעסערונג; זיך פילן באקוועם צו זיך קוקן אין פנים אריין, און זען דעם גאנצן אמת וועגן זיך און וואס קען געטון ווערן איבער דעם.
לערנען וואס מיינט אמת'ע פרייהייט פון די עבדות וואס די תאוה ברענגט אונז, און וויאזוי מען קען דאס באקומען.
זיך איינצושרייבן אינעם קאנפערענץ-קאל דארף מען זיך פארבינדן מיט משה, וועלכער וועט אדורכגיין מיט יעדן באזונדער די ספיקות און מיטמאכענישן, און זען צי מ'איז געאייגנט פאר דעם קאל. דאס וועט ערמעגליכן פאר יעדן באטייליגטן אינעם קאנפערענץ-קאל זיך צו שפירן פארזיכערט, צו קענען זיין אפן און אמת'דיג מיט זיך און מיט אנדערע, וויסנדיג אז יעדער אויפן קאל איז קודם געווארן געסקרינט און איז דא פאר'ן זעלבן ציל.
אויב ביסטו אינטערעסירט צו זיין א חלק פון דעם קאל, אזוי אויך אויב דו ווילסט דורכרעדן צי דאס איז געאייגנט פאר דיר, פארבינד דיך מיט משה דורך דעם פאלגנדן אימעיל אדרעס: com.gmail@moisheone (
mailto:moisheone@gmail.com )
מען קען זיך אויך פארבינדן מיט הנהלה דורך שיקן אן אימעיל צו די אחריא שיע צו com.gmail@sihagye. (
mailto:sihagye@gmail.com. )
וויכטיגע קלארשטעלונג: דער קאנפערענץ-קאל איז אויסדרוקליך נישט געאייגנט פאר איינעם וואס וועלכער האלט נאך אנהייב פון זיין וועג פון ריינקייט אדער פאר איינעם וואס האט נאכנישט פרובירט אנדערע מהלכים און/אדער פרובירט זיך צו האלטן ריין דורך אונזער פארום דא אויף'ן סייט. דער 12 סטעפס מהלך איז דער לעצטער פרואוו פאר אזעלכע וואס האבן אלעס פרובירט און איינגעזען אז גארנישט האט זיי געהאלפן, אדער - ווי פארשטענדליך - פאר אזעלכע וועלכע טוען למעשה'דיגע שריט וואס קענען זיין פאר זיי אן ערנסטע ריזיקע אויב העלפן זיי זיך נישט תיכף ומיד.
הבהרה: דער קאנפערעץ-קאל איז נישט דירעקט פארבינדן מיט'ן SA פראגראם

א נקודה

קודם זיין געזונט
מיר זענען בכלל נישט אין קיין מדריגות, מיר ווילן פשוט זיין געזונטע אידן!
אז מ'איז געזונט קען מען שוין זיין ערליך און טייער, אבער "בראשית ברא", ראשית קומט דאס געזונט...
(קרעדיט: וחלקלקות ( https://hitdanoigen.com/forum/7-%D7%AA%D7%99%D7%91%D7%9E%-D7%94%D7%93%D7%A8%D7%A9/17356-%D7%98%D7%A2%D7%9E%D7%A2-%D7%A7%D7%95%D7%A8%D7%A6%D7%A2-%D7%90%D7%95%D7%9F-%D7%A9%D7%90%D7%A8%D7%A3-%D7%A8%D7%90%D7%96%D7%A9%D7%99%D7%A0%D7%A7%D7%A2%D7%A1%21-%28%D7%95%D7%95%D7%A2%D7%A8%D7%98%D7%9C%D7%A2%D7%9A-%D7%90%D7%95%D7%9F-%D7%92%D7%A2%D7%93%D7%90%D7%A0%D7%A7%D7%A2%D7%9F%29#17356 ))

פון די חבריא

זיך 'אינגאנצן' פארלאזן אויפן אייבישטער
געזעהן די שבת א שטיקל חי' הרי"ם, לעצטע שטיקל פר' בראשית, קען זיין אנדערע אידן וועלן הנאה האבן שרייב איך עס אראפ.
אויפ'ן פסוק "ונח מצא חן בעיני ה'", זאגט ער אז די מושג פון 'נושא חן זיין' קען מען זיך לערנען פון אנדערע פלעצער ווי מ'געפינט אין די תורה 'חן', למשל "חן אשה על בעלה", וואס די סבה דערצו איז ווייל די פרוי האט נישט גארנישט אויסער איר מאן, זי איז זיך אינגאנצן מבטל פאר איר מאן, און דעיס איז די עיקר מציאות החן.
אזוי ארבעט עס אויך ביים אייבערשט'ן, אז א מענטש איז זיך אינגאנצן מבטל פאר אים און ער פארשטייט און זאגט פאר'ן באשעפער אז ער האט נישט קיין אייגענע כוחות נאר ער פארלאזט זיך לגמרי אויף אים, אז ער וועט אים פירן אויפ'ן ריכטיגע וועג, אזוי ווי א פרוי וואס פארלאזט זיך אויף איר מאן, טרעפט ער 'חן' בעיני ה', און אפילו אויב ער איז נישט ראווי, וועט אים די אייבערשטער מאכן ער זאל קענען זיין א אמת'ע צדיק.
(קרעדיט: נאר בשמחה ( https://hitdanoigen.com/forum/4-%D7%9F%D7%A4%D7%99%D7%95%D7%90%D7-%D7%92%D7%A2%D7%98/276978-%D7%98%D7%A2%D7%92-90-%D7%95%D7%A6%D7%92%D7%A2%D7%95%D7%95%D7%A2%D7%A0%D7%98%D7%A4%D7%A2%D7%A8-%D7%A2%D7%A7-%D7%95%D7%95%D7%A2%D7%9C%D7%98#276978 ))

חיזוק געדאנקען

שטארקע לימוד פון בריאת האדם וחוה
א וואונדערליכע זאך זעהן מיר אין די וואכעדיגע פרשה (גאר אסאך וואונדערליכע זאכן, ממש אין שיעור, אבער איין ספעציפישע זאך וויל איך דא אויסשמועסן).
דער תוה"ק פארציילט אונז די השתלשלות וויאזוי כביכול האט "געטראכט" און באשאפען די פרוי פאר אדם, שטייט אזוי, ויאמר ה' אלקים לא טוב היות האדם לבדו אעשה לו עזר כנגדו דערנאך האט איהם הקב"ה געברענגט אלע בעלי חיים, ווי די פסוק זאגט ויבא אל האדם לראות מה יקרא לו וכל אשר יקרא לו האדם נפש חיה הוא שמו ויקרא האדם שמות לכל הבהמה ולעוף השמים ולכל חית השדה, ווייטער זאגט אונז דער פסוק ולאדם לא מצא עזר כנגדו, ווי דער אבן עזרא און אנדערע מפרשים זענען מסביר אז אדם האט נישט געפונען א פאסיגע שותף צווישן די אלע בעלי חיים, און ווי מיר זעהן רש"י שפעטער מלמד שבא אדם על כל בהמה וחיה ולא נתקררה דעתו בהם, פארציילט אונז די תוה"ק ווייטער ויפל ה' אלקים תרדמה על האדם וכו', און ווי רש"י איז מסביר כשהביאן הביאן לפניו כל מין ומין זכר ונקבה אמר לכלם יש בן זוג ולי אין בן זוג, מיד ויפל.
לכאורה שטעלט זיך א שווערע פראגע, וואס איז געווען די כונה פון הקב"ה מיט דעם גאנצן שפיל, דער בוכ"ע איז דאך דער בורא הכל און ער האט באשאפן אינאיינעם מיט אלע באשעפענישן זייער נאטורן און פארשידנארטיגע תכונות און עס איז נישט פארהאן מער אנדערש ווי דער מענטש און בהמות וחיות, סא וואס השי"ת געוואלט אז אדם זאל דא קלויבן, היעלה על הדעת אז א מענטש זאל קענען וואוינען מיט א בהמה?
נאר וואס דען, הקב"ה האט געוואוסט אז יצר לב האדם רע מנעוריו און דער מענשט וועט אלעמאל פרובירן זיך ארויסדרייען פון זיינע שולד געפילן און עוולות דורכן באשולדיגן אלץ און אלעמען, וירד הקב"ה לסוף דעתו של האדם אז ער וועט נאך קומען איין טאג טענה'ן אז טאמער וואלסטו מיר צאם געשטעלט מיט דאס אדער מיט יענץ וואלט מיר געווען אסאך בעסער, דאן וואלט איך קיינמאל נישט אדורכגעפאלן און אלעמאל געטוען דיין רצון, דעריבער האט השי"ת בחכמתו געגעבן פאר אדם דער געלעגנהייט און געזאגט הרי שלך לפניך, קלויב דיר אויס פון אלע ברואים וואס דיר שמעקט, און טאמער שפירסטו אז איינס שטימט מיט דיר, דאן זאל דיר וואויל באקומען, און אדם האט פרובירט, ווי רש"י זאגט אונז (פשוט פשט) מלמד שבא אדם על "כל" בהמה וחיה ולא נתקררה דעתו בהם, ער האט טאקע פרובירט אבער גארנישט איז געגאנגען, לא נתקררה דעתו.
דאן האט השי"ת געזעהן אז דער מענטש איז שוין גרייט אנצונעמען די מציאות און ער האט שוין נישט קיינע תירוצים, מיד ויפל!
און דערויף האט אדם שפעטער געזאגט, זאת הפעם, אצינד האב די 100 פראצענציגע גלייכע און פאסיגע שותף.

וועט איינער קלערן, נו נו, איך בין מסכים צו לעבן נאר מיט א פרוי, אבער ווער זאגט אז איך מוז מיט איר לעבן כשר און ערליך?
זאגט אונז דער 'כלי יקר' שפעטער אינעם סדרה ביי די ווייבער פון למך, עדה און צלה אז עס איז נישט אזוי, די שטיקל איז גאר א לאנגע ואכ"מ, נאר געצייכלטע ציטאטן און אביסל טייטש.
ויקח לו למך שתי נשים וגו'. כל הסיפור הלזה מענין שתי נשיו עדה וצלה יש בו צורך גדול בתורה לידע ולהודיע שכאשר יהיה הזיווג כהוגן לקיום המין לבד אז יולדו להם בנים הגונים שומרי משמרת ה' וכאשר לא יהיה לקיום המין כי אם לשם יופי למלאות רסן תאותו אז בנים זרים יולדו להם זרע מרעים בנים משחיתים.
דער תורה איז אזוי מאריך מיט די ווייבער פון למך ווייל עס איז גאר וויכטיג כדי מיר זאלן וויסן אז טאמער איז אונזער כונה לשם שמים און צו טוען דעם רצון הבוי"ת דאן איז ליכטיג און וואויל און מיר וועלן ווייטער קענען ברענגן דורות וואס וועלן פארשאפן א נחת רוח פארן בוכ"ע, אבער טאמער איז די כונה זיך נאכצוגעבן די תאוות און זעטיגן די אייגענע ווילן דאן וועלן די רעזולטאטן זיין ביטערע.
אם כן הדין נותן שמן עדה יולדו בנים הגונים זהו שאמר ותלד עדה את יבל הוא היה אבי כל יושב אהל ומקנה כי זה היה אומנותו של הבל הצדיק ואחריו כל ישרי לב כמשה ודוד וכמה נביאים וצדיקים עד אשר מתוך אומנות זה זכו לדיבוק השכינה ושם אחיו יובל הוא היה אבי כל תופש כנור ועוגב. שנבראו להלל בהם לבורא עולם ית' וכו' וצלה שלקח לשם תשמיש והשקה לה כוס של עקרים ולא הועילה כלום מ״מ לסוף בנים זרים יולדו לו שנאמר וצלה ילדה גם היא את תובל קין שהחזיר מעשה קין למקומו וברא כלי משחית לחבל ולרצוח כמ״ש לוטש כל חרש נחשת וברזל המקצר ימיו של אדם וכו'.
וואס מיר זעהן אין רעזולטאט פון למך'ס מעשים, די ווייב וואס ער האט גענומען מיט אן ערליכע כונה צו האבן קינדער, האט טאקע געבוירן ערליכע קינדער אבער די אנדערע ווייב וואס ער האט גענומען בלויז זיך נאכצוגעבן די תאווה האט געבוירן א זוהן א רוצח.
און דער כלי יקר זעצט פאר שרעקעדיגע דיבורים, ואולי הוא מדה כנגד מדה כי רוב בעילות מקצרין ימי האדם ע״כ נעשו תולדותיהן כיוצא בהם לעסוק בדברים המקצרים הימים.
טאמער איז די כונה אויף אן אופן פון קיצור ימיו דאן וועט דאס ארויסקומען ה"י.
און ער ענדיגט צו: וזה רמז נכון בתורה ללמוד ממנו ענין הזיווג ע״פ התורה.
*
די געוואלדיגע נקודה וואס מיר זעהן דא איז מרפסין איגרא (די עיקר יסוד האב איך שפעטער געפונען אין גור ארי') השי"ת האט אונז געגעבן די מעגליכקייט זיך אליין צו איבערצייגן אז בעסערס פון אן ערליכע לעבן מיט א ווייב איז נישט פארהאן, און דאס איז פאר אונז א שטארקע חיזוק, ווען מיר זענען זיך מתבונן דערין, צומאל קען קומען אין מחשבה אזעלכע געדאנקן ווי פארוואס? וואלט דען נישט געווען בעסער אזוי צו אזוי...?
אויף די געפילן און מחשבות דארפן מיר געדענקן אז השי"ת בטובו האט אליין אויסגעקליבן דאס בעסטע פאר אונז, און דאס אויך נאר נאכן אונז געבן די געלעגנהייט זיך אליין צו איבערצייגן אז דאס איז טאקע דאס בעסטע וואס קען זיין.
זאל השי"ת טאקע העלפן אז מיר זאלן שטענדיג קענען טוען זיין רצון בשלימות און כל מעשינו זאל תמיד זיין לשם שמים ובזכות זה וועלן מיר אלע זוכה זיין צו הייליגע אפגעהיטענע קינדער, ליכטיגע דורות און דורך דעם וועט נתקרב ווערן די גאולה שלימה, אמן.
(קרעדיט: שלום אהליך ( https://hitdanoigen.com/forum/index/-3%D7%98%D7%A0%D7%A2%D7%A6%D7%A8%D7%90%D7%A4%D7%98%D7%90%D7%9C%D7%A4%D7%-2%A2%D7%9C%D7%90%D7%A8%D7%A2%D7%9E%D7%A0%D7%99%D7%9E%D7%91%D7%-F9%D7%99%D7%9E%D7%-258303/2%A2%D7%9E%D7%9?limit=10&start=50#297169 ))

בדידי הוה עובדא

ארויס געשלעפט פונעם נעץ
אקעי לאמיר אייך פארציילן וואס גייט פאהר אויפן פראנט...
שבת בראשית
א זיסע און געשמאקע שבת, מען לערנט פארן דאווענען כמעט 2 שעה, מען דאווענט ווארעם ווי א ריכטיגע חסידישע אינגערמאן, לעכטיגע סעודות שבת, מען פארברענגט מיט די קינדערלעך א.א וו. איך מיין אז דער סאלדאט פירט זיך אויף גאנץ פעסט...יא?
מוצאי שבת
דער סאלדאט לייגט זיך שלאפן פרי ווייל מען דארף גיין אויפ'ן פראנט...
זונטאג
!סאלדאט ע'אמת אן ווי ,דאווענען ,לערנען גייט מען ...treadmill ן'אויף איז סאלדאט דער און 4:15 am
דער סאלדאט איז שוין אין אפיס 8:45 גרייט אנצופאנגען זיין וואך, זונטאג! WOW!!!
די שוועריקייט הייבט זיך אן...
מען הייבט אן צו ארבעטן פרי און מען האט אביסל צופיל צייט, דער שונא שפרייט אויס א נעץ... מען שפאצירט אויף די וועב און פון איין זייטל צום צווייטן זייטל און מען זעהט בילדער, דער שונא שרייט אז עס איז נאר אידישע פרויען... נאר צניעותדיגע... דער סאלדאט שפאצירט אריין אינעם נעץ... טיפער און טיפער, ביז מען קומט אן צו א זייטל וואס מיר ווייסן

אס עס האט א טיעף לאך, אבער דער שונא שרייט אז דו וועסט נאר גיין נעבן די לאך און וועסט שטיין ווייט, און מען שפאצירט אריין... אוי עס איז שרעקעדיג!
דער אויבערשטער האט מיר ליב איך בין נישט אריין אין די לאך, איך בין קאנפידענט אז איך דארף נישט ריסעטן מיין טשארט איך בין באמת נאר געשטאנען פון אינדערויסן... אבער איך בין געשטאנען פון אינדרויסן... און די שונא זאגט: אקעי דו ביסט גענוג טיף, דו האסט געקוקט אויף פרויען און שפאצירט אויף שרעקעדיגע פלעצער it lost you...
דער סאלדאט האט זיך געהאט מקבל געווען נאך 3 זייטיגע קבלות כדי צו מאכן דער טאג פאר א מעכטיג'ס... אבער דער בעל דבר האט געפועל'ט ביים סאלדאט צו מוותר זיין אויף דעם אויך. אוי וויי!
דאן שלאגט ער מיר פאהר אזוי, דו האלט'ס שוין ביי כמעט 100 ריינע טעג, נו, מעג מען דען נישט דורכפאלן איינמאל אין 100 טעג, ביזט דאך א נארמאלער מענטש... איך מיין אז עס איז געקומען די צייט פאר אן איינמאהליגע אבער זאפטיגע גליטש...
יישר כח אויבערשטער!!! איך טראכט צו מיר וועלכע מין פנים וועט דער סאלדאט האבן ווען ער וועט קומען ריפארטן דא אין די נייעס וועגן דעם דורכפאל? WAY NO! בשום פנים! דער סאלדאט שפאצירט ארויס פון אפיס...
הודו לה' אז איך קען יעצט דא פארציילן אז איך בין ריין אבער איך בין באמת דורך א שווערע טאג!
.פארגרינגערט און בעסער אסאך אסאך איך פיל שרייבן נאכן יעצט BTW
(קרעדיט: וחלקלקות ( https://:hitdanoigen.com/forum/7-%D7%AA%D7%99%D7%91-%D7%9E%D7%94%D7%
D7%93%D7%A8%D7%A9/17356-%D7%98%D7%A2%D7%9E%D7%A2-%D7%A7%D7%95%D7%A8%
D7%A6%D7%A2-%D7%90%D7%95%D7%9F-%D7%A9%D7%90%D7%A8%D7%A3-%D7%A8%D7%90
%D7%96%D7%A9%D7%99%D7%A0%D7%A7%D7%A2%D7%A1%21-%28%D7%95%D7%95%D7%A2
%D7%A8%D7%98%D7%9C%D7%A2%D7%9A-%D7%90%D7%95%D7%9F-%D7%92%D7%A2%D7%9
3%D7%90%D7%A0%D7%A7%D7%A2%D7%9F%29#17356 ))

פאר סיי וועלכע הערה/הילף, אדער צו מנדב זיין אן אימעיל (וואס ווערט געשיקט צו איבער 1350 אדרעסן) און האבן דעם געוואלדיגן זכות צו זיין ממזכי הרבים, ביטע ריפלייען צו דעם אימעיל, אדער דריקט דא ( https://hitdanoigen.com/donate ).

צו דאונלאודן אונזער "האנטבוך" דריקט דא ( http://:guardyoureyes.com/live/ebooks?task=form&callelement=at=raw&item_id=213&element=f85c494b-2b32-4109-b8c1-083cca2b7db6&method=download )
זיך אראפצוסיינען פון די אימעילס